# פֿון רעדאַקציע

## ווי ווײַט איז מזרח פֿון מערבֿ? אָדער: די נייטיקייט פֿון אַן אידעאָלאָגיע

לעצטנס איז געקומען צו גאַסט אין רעדאַקציע דב"י – וואַרט, לאָמיר שוין דאָס מאָל אָפּלאָזן דעם געמאַכטן דריטן פּערזאָן. לעצטנס איז אונדז געקומען צו גאַסט אַ חשובֿער ייִדישיסט פֿון ישׂראל, דער קאָמפּאָזיטאָר און כּלל-טוער דניאל גלאַי. ער איז געווען אויף אַ עטלעכטאָגיקן וויזיט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דערעיקרשט זיך צו זען מיט קרובֿים, נאָר ער האָט אונדז מכבד געווען מיט זײַנע מיינונגען וועגן פֿאָלק ישׂראל, מדינת-ישׂראל, ייִדיש-לשון, און די פֿאַרבינדונגען וואָס זײַנען חל צווישן די דרײַ.

אַ שאָד, וואָס כ'האָב ניט פֿאַרצייכנט אָדער רעקאָרדירט דעם גאַנצן שמועס, און אפֿשר וועט חבֿר גלאַי זיך לאָזן אויסבעטן צו שיקן זײַנע פֿירלייגן בכּתבֿ אין דב"י אָדער, למשל, אין "יוגנטרוף" צי "פֿאָרווערטס". נאָר על רגל אַחת איז זײַן צוגאַנג אַזאַ:

מע דאַרף גוט פֿונאַנדעראַרבעטן אַן אידעאָלאָגיע וואָס זאָל דינען ווי אַ נייטיקן הינטערגרונט פֿאַר די אָנגייענדיקע שטרעבונגען לטובֿת מאַמע-לשון וואָס מע נעמט זיך אונטער מיטן גאַנצן האַרצן נאָר ניט אַלע מאָל מיט אַן אויסגעחשבונטן וועגווײַזער פֿאַרן שׂכל. ווי אַזוי זשע קען מען דערקלערן "יענעם", פֿאַר וואָס ייִדיש איז אונדז וויכטיק? פֿאַר וואָס זאָל מע פֿאַרלייגן ייִדיש-פֿאַקולטעטן אין אוניווערסיטעטן וואָס לייגן דעם טראָפּ אויף אַ לעבעדיקער שפּראַך און קולטור? ס'איז קלאָר, אַז אויסגעדראָשענע באַנאַלקייטן ווי "די אַשכּנזישע קולטור איז די רײַכסטע און פּראָדוקטיווסטע פֿון אַלע גלותדיקע קולטורן" טויגן מער ניט, אויב זיי האָבן ווען עס איז יאָ געטויגט. די ישׂראל-קולטור איז אויך אַ רײַכע און אַ פֿילפֿאַרביקע, און די אַמעריקאַנער קולטור שטייט דאָך אַוודאי ניט אָפּ.

גלאַי לייגט פֿיר, אַז מע זאָל אָננעמען ווי אַ צוגאַנג דאָס איבערגעבן, פֿאַרשטאַרקן, און פֿונאַנדערבויען דעם קאָנצעפּט "אַשכּנז", ווי אַ השׂגה וואָס פֿאַרבינדט שפּראַך, קולטור, און רעליגיע. דאָס איז אַוודאי ניט קיין חידוש אין דער עולם-האַקאַדעמיע. שוין לאַנג ווי טייל פֿאָרשערס באַניצן זיך מיט דעם קאָנצעפּט ווי אַ מיטל צו פֿאַראייניקן פֿאַרשידן-מיניקע פֿאָרשערישע פּערספּעקטיוון און פֿאַרזאַמלען אין איין וואָגן פֿאַרשידנערליי סחורה, ס'זאָל זײַן מער קונים אויף די פֿאָרשער-ירידן. אָבער דער קאָנצעפּט אַשכּנז איז נאָך ניט אַריבער דער הויכער, טייל מאָל שטעכלדראָטיקער מחיצה וואָס טיילט אָפּ די אַקאַדעמיקערס פֿון די "ייִדישיסטן פֿון אַ גאַנץ יאָר", צו דינען ווי אַ נייטיקע באַטרײַב-כּוח, די עלעקטרע פֿאַר די ייִדישיסטישע געדאַנק-מכשירים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די שוועריקייטן און די שוואַכקייטן פֿון אַזאַ צוגאַנג זײַנען היפּשע. ערשטנס, בושעוועט אַ גרויסע מחלוקת בײַ די פֿאָרשער, צי אַזאַ צוגאַנג איז בכלל אַ נייטיקער. וויפֿל האָבן (געהאַט) בשותּפֿות אַ וואַרשעווער און אַ פּראָגער, אַ בודאַפּעשטער און אַ קאָוונער? מיט וואָס שטעלט זיך פֿאָר די כּלומרשטיקע איינִיקייט פֿון אַשכּנז?

ניט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס די פּרטים פֿון אַזאַ אידעאָלאָגיע זײַנען ווײַט ניט אַנטוויקלט, איז גוט צו האָבן אידעאָלאָגיעס אויפֿן סדר-היום, אַפֿילו נאָר פֿירגעלייגטע. מע קען הײַנט אַפֿילו זאָגן, אַז מע מעג שוין פֿירן אַ דעבאַטע, אַ מחלוקת לשם לשון, צווישן צוויי מעגלעכע אידעאָלאָגיעס: דעם צוגאַנג "אַשכּנז", און, ווידער, ד"ר שיקל פֿישמאַנס "טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט פּלוס", דאָס הייסט, מע זאָל פֿאָרשטעלן ייִדיש (זיך אַליין און אַנדערע) ווי אַ ווירדיק בײַמיטל וואָס פֿאַרשטאַרקט און גיט צו אינטערעס אַ טראַדיציאָנעלן ייִדישן שטייגער לעבן.

ביידע צוגאַנגען זײַנען נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעאַרבעט, נאָר עס וואָלט בפֿירוש געווען כּדאַי ווען מע זאָל זיך אַוועקזעצן און פֿירן אַ דיסקוסיע וועגן אונדזער וועג. מיר ברענגען לסוף אַ זאָג אייבראַהאַם לינקאָלנס: "ווען מיר וויסן ווער מיר זײַנען, און וווהין מיר קערן זיך, וואָלטן מיר בעסער אָפּגעשאַצט וואָס צו טאָן, און ווי אַזוי."